**Ung och utsatt för våld i en nära relation - Jiddisch**

# יונג און אַ קרבן פֿון משפּחה־רציחה

משפּחה־רציחה קען זײַן עטלעכע זאַכן. אַ מאָל איז אַן עלטער שולדיק אין רציחה קעגן אַ קינד. אַ מאָל איז אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער דער שולדיקער. עס קען אויך זײַן אַנדערע קרובֿים. אפֿשר איז דער שולדיקער אַ פּאַרטנער. די רציחה קען זײַן אי פּסיכיש, אי פֿיזיש, אי סעקסועל. עס קען למשל זײַן אַז עמעצער:

- דיר זידלט אָדער זאָגט אַז דו ביסט אַ שלעכטער אַרבעטער
- דיר רוקט, שלאָגט, בריקעט אָדער טוט דיר וויי אויף אַנדערע אופֿנים.
- דיר קאָנטראָלירט און באַגרענעצט, צווינגט דיר צו טאָן זאַכן דו ווילסט ניט טאָן
- דיר סטראַשעט צו אַוועקשיקן דיר אָדער ארויסוואַרפֿן דיר פֿון דער היים, אָדער פֿאַרשליסן דיר אין דער היים
- דיר צווינגט צו טאָן עפּעס סעקסועל
- דיר צווינגט צו פֿאָלגן כּללים כּדי צו באַשיצן דעם שם פֿון דער משפּחה
- איז שולדיק אין רציחה קעגן עמעצער אַנדער אין דער משפּחה

### דו האָסט אַ רעכט צו קריגן באַשיצונג און אונטערשטיצונג

עס איז געוויינטלעך אַז מע ווערט אומרויִק און אומגליקלעך ווען מע איז אַ קרבן פֿון משפּחה־רציחה. איז עס וויכטיק אַז דו ביסט אין פֿאַרבינדונג מיט עמעצער וואָס הערט צו און ווילט דיר העלפֿן. ווען עמעצער איז אונטער 18 יאָר טראָגן די דערוואַקסענער תּמיד דאָס אַחריות. בײַם סאָציאַל־דינסט קענסטו קריגן הילף ווען עס קומט צו אונטערשטיצונג, באָשיצונג און פּראַקטישע ענינים. דו קענסט קיגן

### הילף ווען עס קומט צו:

- שטיציקע שמטעסן
- באַשיצונג און דערווײַליקער ווינונג
- שטיציקע שמועסן צוזאַמען מיט דער משפּחה כּדי זיך צו לערנען ווי אַזוי מע באַגיין זיך מיט קאָנפֿליקטן

שטעל זיך אין פֿאַרבינדונג מיט אודז. דו קענסט זײַן אָנאָנים און דאַרפֿסט אונדז ניט דערציילן דײַן נאָמען אָדער דײַן אַדרעס.

טאָמער עס איז אַ נויטפֿאַל, קלינג אַלע מאָל אָן 112.

### קאָנטאַקטיר:

- **אינסטאַנץ:** Barn och ungdomsenhetens mottagningsgrupp
- **טעלעפֿאָן־נומער:** 08-58169000
- **וועב־ זײַטל::** www.upplands-bro.se
- **אַדרעס::** Furuhällsplan 1, Kungsängen

# קינדער וועלכע לעבן איבער משפּחה־רציחה

צו איבערלעבן משפּחה־רציחה הייסט אַז:

- מע איז אַ קרבן פֿון רציחה (אַלץ פֿון זעצן, בריקן, סעקסועלער רציחה, באַלעסטיקונגען און סטראַשונקעס צו עמאָציאָנעלן אָפּטרייַבעכץ)
- מע זעט אָדער הערט רציחה
- מע זעט די עפֿעקטן פֿון רציחה (למשל נהרגן, אָפּגעריסנע זאַכן, שרעק)
- מע פֿילט די שלעכטע שטימונג אין דער היים

ס'רובֿ קינדער פֿאַרשטיין וואָס געשען אין דער משפּחה כאָטש דעם וואָס זייערע קרובֿים גלייבן עס ניט. קינדער קענען גיך באַמערקן אויב עמעצער איז פֿינצטער, אָבער זיי דערציילן ניט אַלע מאָל וועגן זייערע עמאָציעס. אָנשטאָט דעם קענען אַ קינדערס עמאָציעס באַווייַזן זיך ווען עס שפּילט זיך אָדער פֿירט זיך.

**צו מעלדן דאגה**

צי ביסטו חושד אין דעם וואָס עמעצער טוט אַ קינד וויי? מעלד דייַן דאגה צום סאָציאַל־דינסט. דאָס סאָציאַל־דינסט פֿאַרשט די סיטואַציע אויס, גיט שטיציקע שמועסן און נעמט נייטיקע מאָסן אָן.

עטלעכע אַרבעט־נעמערס מוז לויטן געזעץ מעלדן זייערע דאגות. למשל זיי וועלכע אַרבעטן אין דער שולע, שפּיטאָלן אָדער ביַי דער פּאָליציי.

**אונטערשטיץ און הילף צו קינדער וועלכע האָבן רציחה איבערגעלעבט**

ביַים סאָציאַל־דינסט קענען קינדער און זייערע קרובֿים קריגן הילף. למשל:

שטיציקע שמועסן

קינדער־גרופּעס

הילף פֿאַר די עלטערן וועגן וואָס איז בעסט פֿאַר קינדער

אַ קאָנטאַקט אָדער אַ קאָנטאַקט־משפּחה

אַנדערע מאָסן ווען עס קומט צו נויטפֿאַלן, למשל האַרבעריקן

טאָמער עס איז אַ נויטפֿאַל, קלינג אַלע מאָל אָן 112.

**קאָנטאַקטיר:**

- **אינסטאַנץ:** Barn och ungdomsenhetens mottagningsgrupp
- **טעלעפֿאָן־נומער:** 08-58169000
- **וועב־זייַטל::** www.upplands-bro.se
- **אַדרעס::** Furuhällsplan 1, Kungsängen